# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 228 — פרייטאג, דעם 5 אָקטאָבער 1934

## מ׳דאַרף שוין נישט!...



וואַזשני: דער „אובעזפּיעטשאַלניע" איז שוין בעסער,

מ׳דאַרף שוין נישט קיין דאַקטוירים!...



## פּיניעלע מזיק
### גיט לשון



וואָס, צאָם כאָדשביג גיהעירט, סאַרע סוואַנט ווילקער אָבן שוין ווירעט גימאַכט? דער גאַנצער פאָליקסבלאַט איז דעך פיל מיט די האַנטוואַרקער שאַלטיערס.

אָי, זענע דוגס גראַנדאַוויקעס! גאַנצע פּיי־לאָטיקעס זענע זיי דעך גיוואָרן, אַלע אַבּי זיי זיך גירייסן איבער דער קאַמער. צ׳הערט, צוליב אַ קאַמער אָבן זיי זעך אזוי ציבערשט, אז פיגקע אַנגע גיפלויגן.

אָבן זיי זעך גיקיפּט און גיכמאַליעט איבער די קעפּ, און דער סאָף איז גיוועין, אז זיי זענען גיבליבן באַם בלויסן, ווי הייסט מיר דוגס.

אוי, זענע דוגס גראַנדאַוויקעס!

## כ׳האָב אַ ברונעז איז מיין מויל
(נאָך ביאַליקס „כ׳האָב א ברונען אין מיין סאָד")

כ׳האָב אַ ברונען אין מיין מויל,\
ווי אויף שרייפלעך „אַ בת־קול",\
יעדען אוונט ביי ליטעראַטען,\
גיס איך עמער׳ס רעפעראַטען...

שלאָפט דער גאַנצער עולם איין,\
ס׳שלאָפט דאַן יעדער, גרויס און קליין,\
ס׳כראָפּעט דער אינטעליגענט,\
און איך רעד בלויז צו די ווענט.

כ׳שיט מיט פראַזען אָהן אַ זיבען,\
טרינקט דאַן יעדער פון מיין ברונען.\
איך — אַ וואָרט, זיי — אַ דרימעל,\
און מען הערט מיך ביז׳ן הימעל...

ענטפערט מיר האָר פון זיי,\
דערלאַנג אויף איהם איך א געשריי:\
דו — א יונגעל, איך — אַ גדול,\
און גיב מיט וואַסער פריש אַ שפּרודעל...

און ס׳ווייסט נישט קיינער אוי דעם אמת,\
פון וועלכען ביכעל איך שעפּ די טעמעס...

כאַטקע.

## ווער ס׳האָט נישט קיין וואָרט
### אויף דער גענעראַל־פערזאַמלונג

פאָרזיצער: פאַניע פאַנטאַפעל, איהר האָט דאָס וואָרט.

— ניין, איך בין לא־עליכם אַ בטוויבטער!..

## חסידישער ספּאָרט

ווי מיר דערוויסען זיך, איז אויף דער לעצ־טער זיצונג פון צ. ק. פון דער אגודה בעשלאָסען געוואָרען פאָלגענדעס: אזוי ווי מ׳האָט שוין אָנגע־פון די ציוניסטען מיט אייגענע שקאָלעס מיט ציי־טונגען, מיט קאָנגרעסען, זאָל מען אויך איינאָרד־נען חסידישע מעטשען.

די אגודה׳שע פוטבאָל־דרושינע וועט היי־סען „כל התורה כולה על רגל אחת".

די מעטשען וועלען פאָרקומען יעדען צום־גדליהו, אויפ׳ן פלאַץ פון יעדען בית־המדרש.

יעדער פּאַרטיע וועט בעשטעהן נישט פון עלף מאַן נאָר — פון אַ מנין.

קעמפען מעג מען בלויז מיט אייגענע דרו־זשינעס, דהיינו: די גערער מיט די אלעקסאַנ־דערער, די ראַדאָמסקער מיט די ראַדאָשיצער א. ד. גל.

פאַר׳ן מעטש מוז מען אויפ׳ן ספּאָרט־פלאַץ דאַוונען מנחה און דערנאָך זעהם מען שפּילען.

מיט׳ן מעטש פיהרט אָן אַ בית־דין, דאָרט וואו ס׳איז נישטאָ קיין בית־דין איז גענוג אַ סענ־דזשער.

קיין נשים טאָרען אויפ׳ן ספּאָרט־פלאַץ זיך נישט געפינען, כדי דער סענדזשע זאָל נישט קו־מען לידי הרהור עבירה...

אז אַ שפּילער ברויך צו געהן בקיות מוז דער מעטש איבערגעריסען ווערען ביז איינע׳ן אשר יצר.

אז ס׳טרעפט אריין אַ גאָל מוז דער עולם מאַכען אַ „שכוחו וגבורתו מלא עולם".

מומו אכטונג געבען, אז דער באַלעם זאָל נישט זיין קיין שעטנז.

אויפ׳ן „טויער" מוז אָנגעקלאַפּט ווערען אַ מזוזה.

אז אַ שפּילער פאַלט און צעקלאַפּט זיך דעם „אשר יצר", מוז איהם דער סענדזשע בעטען „מחילה"...

בשעת׳ן מעטש טאָרען די שפּילער נישט מפסיק זיין...

דער סענדזשע מוז געבען סיגנאַלען מיט אַ שופר און ענדיגען מיט אַ תקיעה.

טאָמער זעהט איין צד, אז ער קאָן בשום אופן נישט אריינטרעפען אין דער „בראַמקע", מוז ער שרייען: „פתח לנו שער, בעת נעילת שער, כי פנה יום"...

## די סדרה
### אויף דער לינקער זייט

פון א. איטקין

והארץ היתה תוהו ובוהו —\
אַ רמז, אז דער קריזיס איז בעשאַפען גע־\
וואָרען פריהער פאַר אַלעס,\
ווייל ער האָט געבראַכט אויף דער וועלט אַ\
„תוהו ובוהו" אויך אַ גרויסען דלות

וחושך על פני תהום. —\
אַ רמז, ווען די געשעפטען געהן צו גרונט,\
ווערט ס׳פּנים פאַר געלט און פאַר גרינס.

ארץ החוילה אשר שם הזהב, —\
אַ בטוויין, אז גאָלד האַלט זיך נאָר „כווילאַ־\
ווע", טאַקע נאָר אַ ווילע,\
ווייל ביי גאָט פרעגט מען נישט קיין שאלה.

ויברא את האדם, —\
דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען פרייטאָג\
פאַרנאַכט,\
דאָס האָט גאָט אזוי אומישנע געמאַכט,\
כאָטש דער מענש איז אויף אַלעם דער האַר,\
דאָך איז ער פאָרש אַ גרויסער נאַר,\
ווייל ס׳איז דאָ אַ פאָלקסוואָרט שטאַרק אייזען:\
„פאַר אַ נאַר זאָלסטו קיין האַלב אַרבייט\
נישט ווייזען".

בגן עדן לעבדה ולשמרה. —\
אַ רמז, אז מ׳אַרבייט ענערגיש און מען\
היט דאָס געלט,\
קאָן מען האָבען ס׳גן־עדן אויף דער וועלט.

ויפל תרדמה על האדם ויביא את האשה. —\
אַ רמז, ווען אָדם וואָלט געזען וואַך, וואָלט\
ער פון שאָלטען זיבע יאָהרען,\
ווייל ער וואָלט זעהן פון וועלכע גיפט־שטאָ־\
פען חוה איז געבוירען.

זאת הפעם עצם מעצמי ובשר מבשרי. —\
אַ בטוויין, אז זער נחת פון איהר וועט זיין\
נאָר אַ קליינער;\
ווייל זי וועט איהם רייסען ס׳פליש און ברעכ־\
קען די ביינער.

## אוי, דער פּראָטעקציע־סיסטעם!
### וועגען דעפּ. אידזשיקאָווסקים אַרעסט

לייענענדיג אין דער צייטונג וועגען דעם אַרעסט פון דעפּ. אידזשיקאָווסקי, און וועגען דער בעפריי־אונג פון די „בריסקער", האָט אַנ׳ענדעקישער דער־פונאַס געזאָגט:

נו, יאָ, מ׳וואַרפט אַרויס פון די גוריאָ די אָפּאָזיציאָנערען, כדי צו מאַכען פלאַץ פאַר אייגענע... אומעטום דער פּראָטעקציע־סיסטעם!..

• • •

אויפ׳ן ערשטען פאַרהער, האָט דעפּ. אי־דזשיקאָווסקי געזאָגט:

— וואָס האָב איך אַזעלכעס געטון? אַלס דער־פוטאַט האָב איך געוואָלט פערקלענער׳ען די שטייערען פון מיינע וועהלער...

## ער ענטפערט צו דער זאַך

בעל־הבית (צום ביי־אַנגאַזשירטען בוכהאַלטער):

— איז עמיצער דאָ געווען?\
— געוועזן.\
— ווער?\
— איך.\
— שוטה, כ׳פרעג אַ צי ס׳איז עמיצער געקומען?\
— יאָ.\
— ווער?\
— דער בעל־הבית!

## מתים דאַרפען אויך פעסער?
### שמועס אין אוזשאַנד סקאַרבאָווי

רעפערענט (צום שטייער־צאָהלער): ווי הייסט איהר?

שטייער־צאָהלער: מאָטעל אבראַמאָוויסקי

— ווייזט אייער פּאַס.

— פאַניע רעפערענטשע, פון ווען אַ דאַר־פען דאָס מתים האָבען פּעסער?

